Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 20 גראשען | היינט 8 זייטען.

# לאדזשער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

Nr. 299/1584 | Łódź, Wtorek 18 grudnia 1928 r. | זעקסטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג, ה׳ טבת תרפ״ט | Nr. 299/1584

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פיעטריקאווער 21, טעל. 24-71

# געכאפט דעם מערדער פון מיכאל קרול.

(ח) ענדליך האט זיך נעכטען איינגעגעבען דאס

## דינסטמיידעל

וויקטאריא קוקולסקא צוריקצוברענגען צום בעזאוסטווין און זי האט געגעבען די ערשטע ערקלעהרונגען, וועלכע האבען א זעהר וויכטיגע בעדייטונג פאר דער ווייטערדיגער אויספארשונג. לויט דער קוקולסקא׳ס ערקלעהרונגען איז שוין נישט פאראהאן קיין שום ספק, אז מיר האבען דא צו טון מיט

## א רויב-מארד.

אט וואס זי דערצעהלט:

מיט דריי וואכען צוריק, איז דורך דער קיכעןדטיר פון קרול׳ן אריינגעקומען א פערשוין, וועלכע האט פארגעלייגט דעם דינסטמיידעל

## צו קויפען זיידענע זאכען.

די זאכען זענען דעם מיידעל נישט געפעלען געוואָרען און זי האט נישט געוואָלט קויפען. דער פערשוין, א הויכער, שעהנער בלאנדין פון א יאהר 39, האט זיך אבער איינגעשפארט, אז ער וויל אונבעדינגט ביי איהר לייזען און וועט דעריבער נאכאמאל קומען צוזאמענגעם מיט בעסערע און שעהנערע זאכען. און ווירקליך, איז דער עלעגאנטער מאנספערשוין געקומען צוזאמענגעם נאכאמאל מיט א נייעם פעקעל זאכען.

ביי דעם ערשטען קוק, האט זיך אבער דאס מיידעל איבערגעציינט, אז דאס זענען ריזעלבע זאכען, וואס דער יונגערמאן האט געברענגט מיט א טאג פריהער, דעם „עלעגאנט" איז געפעלען געווארען די כיטרעקייט פון דעם מיידעל און האט מיט איהר געשלאסען א נעהנטערע בעקאנטשאפט.

דער יונגערמאן, וואס האט זיך אנגערופען:

## סטעפאן

האט זיך אנגעהויבען אפטער צו זעהען מיט דער קוקולסקא און זיך אלץ מעהר ערווארבען די סימפאטיע פון דעם מיידעל, נאכמעהר צוליב דעם, וואס סטעפאן האט צוגעזאגט דעם מיידעל, אז ער וועט

## מיט איהר חתונה-האבען.

אזוי ארום האט סטעפאן אנגעהויבען אריינצוקומען צו דער קוקולסקא אין דער וואוינונג פון קרול׳ן.

ביי מאנכע וויזיטען פון סטעפאנען ביי דער קוקולסקא איז אויך אנוועזענד געווען דאס מיידעל פון א שכן, מאריאננא פיטקא. סטעפאן האט אבער נישט געוואלט, אז פיטקא זאל אנוועזענד זיין בעת זיי רעדען וועגען זייערע אינטימע צוקונפטס-לעבען.

מיט א וואך פאר׳ן מארד איז סטעפאן געקומען צו דער קוקולסקא און מיט זיך געהאט א פלעשעל בראנפען. זי האט אויסגעטרונקען איין גלעזעל און מעהר נישט געוואלט טרינקען. דערווייל האט זיך צווישען זיי פערפיהרט א געשפרעך וועגען דעם מיידעלס בעל-הביה קרול. קוקולסקא האט גערן אויף זיין פערלאנג

## געוויזען איהם די וואוינונג פון קרול׳ן,

סטעפאן האט די וואוינונג גענוי ארורכגעזעהען, דערביי דערצעהלט, אז ער האלט שוין ביים דינגען א דירה פאר זייער בשותפותדיגען צוזאמענלעבען, דערביי האט ער פערלאנגט פון איהר 300 זלאטעס.

דער גורל האט געוואלט, אז גראד אין דעם מאמענט איז אריינגעקומען א סוחר, וועלכער האט ביי דעם דינסטמיידעל

## אויסגעקויפט א וועקסעל אויף 300 זל.

קוקולסקא האט צוגענומען דאס געלד און האט עס אריינגעלעגט אין שופלאד. סטעפאן האט דאס אל קגעזעהען און פערלאנגט פון דעם מיידעל, אז זי זאל איהם געבען די 300 זלאטים.

קוקולסקא האט נישט געוואלט און סטעפאן איז אוועק א בעליידיגטער. באלד צוזאמענגעם איז ער אבער ווידער געקומען מיט בראנפען.

## אין קריטישען טאג

איז פארגעקומען דאסזעלבע: סטעפאן איז געקומען צו דער קוקולסקא ארום זעקס א זייגער אין אווענד. דער בעל-הבית תקרול איז נאך דעמאלס געווען אין שטוב. ד יקוקולסקא האט אריינגעבעטען סטעפאנען צו זיך אין צימערל און אריינגעברענגט צוויי אייער-פארסטאווקעס, וועלכע האבען געדארפט דינען אויף גלעזלעך א״י תבראנפען. אזוי ווי די פלאש, וועלכע סטעפאן האט דאסמאל געבראכט, איז געווען גרעסער ווי שטענדיג, האט די קוקולסקא פערשטאנען, אז דאס מאל גערט עס צו א שכרות. זי האט דעריבער גענומען אין מויל אריין דעם בראנפען, אבער זיך אויסגעדרעהט און אין קיך דאס אויסגעשפיגען. אזוי איז געווען 4 מאל. צום פינפטען מאל האט סטעפאן בעמערקט איהר מאנעווער און ערקלערט, אז זי מוז מיט איהם אויסטרינקען, אין דע סמאמענט האט זי דערהערט טריט

(ווייטער — זעה 5־טע זייט).

צאהלט נישט איבער!

פערגעסט נישט, אז די פערפומעריע

S. BUCHWAJC, Łódź, Piotrkowska 22, TELEF. 31-43

איז געוועזען און בלייבט ביליג.

דארט בעקומט איהר צו שפאט-ביליגע פרייזען פערפומען, זייפען, פודער, אינ- און אויסלענדישע.

בעמערקונג: יעדער קויפער בעקומט גראטיס 1 פלאקאן אריגינעלען פערפום און 1 טובקע קרעם „פאסצינאטע".

פאלקס-אוניווערזיטעט ביי דער קולטור-ליגע אין לאדז

פון דער נייעסטער יודישער ליטעראטור, אויסגעפיהרט דורך דעם קינסטלער-רעציטאטאר

שבת, דעם 22-טען ה. ח., 10 אינדערפרי קומט-פאר אין פילהארמאניע-זאל

# א גרויסער ווארט-קאנצערט

## הערץ גראסבארט

פראגראם: איינלייטונגס-ווארט פון י. ליכטענשטיין, רעציטאציעס פון פרץ, שלום-עליכם, נאדיר און קולבאק.—בילעטען צום פרייז פון 75 גר. און 1.50 אין פילהארמ.-קאסע

האנטווערקער-פעראיין, אגראדאווע 9

# אכטונג, פריזיער-מייסטער!

היינט, פינקטליך 8 אווענד קומט פאר

## א גרויסע פערזאמלונג

וועגען די ארויסגעשטעלטע פאדערונגען פון די ארבייטער!

כומט אלע! נאך האלב 9, וועט קיינער צו דער פערזאמלונג נישט צוגעלאזט ווערען!

3206 — די פערוואלטונג.

צענטר. סוחרים- און פאבריקאנטען-פערבאנד

אויף דער לאדזער וואיעוואודזטווע (פיעטריקאווער 10).

מיר מאכען בעקאנט, אלע אונזערע מיטגלידער, אז דאס

# אויסקויפען פון פאטענטען פאר׳ן יאהר 1929

הויבט זיך שוין אן פון היינט, דעם 18-טען דעצעמבער. כדי צו פערמיידען א געדראנג בעטען מיר וואס פריהער צו קומען אין די שעה׳ן פון 9 ביז 1 און פון 4 ביז 8 אווענד.

ביים איינצאהלען דארף מען די פאטענטען פון 1928 מיטברענגען.

Z okazji zaślubin

pana **Feliksa Finkelsztajna**

z panną **Henią Tenenbaumówną**

życzą nowożeńcom wiele szczęścia

**Ch. Kaufman z Żoną,**

**R.Mechanikówna z Narzeczonym.**

צו דער פערלאבונג פון פרל

**העלא יאסקאוויטש**

מיט ה׳ **אבראם ראזענצווייג**

ווינשן מיר זיי פיל גליק און צופרידענהייט

**יצחק דוד גראה און פאמיליע,**

**פייוועל גראה און פאמיליע.**

אגודת תלמוד תורה אלטשטאדט, בזשעזשינער 23.

## דאנקזאגונג.

אין נאמען פון די 400 תלמוד-תורה-קינדער גיט אפ די פערוואלטונג א הערצליכען יישר-כח די גבאים דבית הכנסת פיעטריקאווער 24 ווי אויך איהר פערוואלטונג צוליב דעם וואס זיי האבען אפגעגעבען זייער לאקאל פאר אונזער חנוכה-פעסט.

גלייכצייטיג דאנקען מיר פאר זייערע נדרים, וועלכע זיי האבען מנדר געווען בשעת קריאת התורה בש״ק פ׳ וישב.

די פערוואלטונג.

